בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט
די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה
שליט"א ביים שיעור פעולת הצדיק,
ובעת סעודה שלישית, שבת קודש
פרשת תרומה ה'תשפ"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

**חיזוק יומי**

צו באקומען די חיזוק יומי

אימעיל
chizikyomi@gmail.com

טעלעפאון מעסידזשינג
347-630-2876

## שבת קודש פרשת תרומה, שנת תשפ"א לפרט קטן, אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק.

סימן תשיד: וְר' נָתָן הָיָה כָּל הַזְּמַן בָּעִיר מָאהַלוֹב וְחִכָּה עִם זוּגָתוֹ, שֶׁיָּבוֹא חוֹתְנוֹ לְבֵיתוֹ. וּבֵין כָּךְ הַזְּמַן כְּבָר סָמוּךְ לְרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְעַל כֵּן הִתְחִיל לְהָכִין אֶת עַצְמוֹ לִנְסֹעַ אֶל רַבֵּינוּ זַ"ל עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְזוּגָתוֹ יָדְעָה מִזֶּה וְרָצְתָה לִמְנֹעַ אוֹתוֹ מִזֶּה, וְלֹא הוֹעִיל כְּלָל, וְנָסַע ר' נָתָן אֶל רַבֵּינוּ זַ"ל וְהִגִּיעַ לָעִיר נֶעמִרוֹב עַל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ קֹדֶם הַסְּלִיחוֹת וְשָׁבַת אֵצֶל אָבִיו, וְאָבִיו קִבְּלוֹ בְּכָבוֹד גָּדוֹל, כִּי רָאָה שֶׁכַּוָּנָתוֹ לַשָּׁמַיִם, וְלֹא יוּכַל לִמְנֹעַ אוֹתוֹ, כִּי חָזָק בְּדַעְתּוֹ עַד מְאֹד.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דאס איז געווען א גרויסער חידוש, ווייל אין אנהייב האט אים זיין טאטע זייער גע'רודפ'ט, אזוי ווייט אז זיין טאטע האט אויפגעהעצט זיין שווער אנטקעגן אים און האט געהעצט זיין ווייב זי זאל זיך גט'ן פון אים, אבער ביים סוף ווען ער הט געזען אז ר' נתן מיינט עס אמת'דיג האט ער אים זייער מכבד געווען. און דאס גייט אריבער אויף יעדן איינעם וואס ווערט מקורב צום הייליגן רבי'ן, אין אנהייב איז מען ברוגז "היתכן פארוואס דרייסטו זיך אין ברסלב? עס איז נישט פאר דיר וכו', וכו'" אבער מיט די צייט ווען מען זעט ווי ער פירט זיך אויף שיין מיט דרך ארץ, דריידט זיך אלעס איבער צום גוטן.

סימן תשטו: מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ: נָסַע ר' נָתָן מֵעִיר נֶעמִרוֹב אֶל עִיר בְּרֶסְלֶב וְהִגִּיעַ עוֹד קוֹדֶם אֲמִירַת הַסְּלִיחוֹת, וְזָכָה לִרְאוֹת אֶת רַבֵּינוּ זַ"ל כְּשֶׁנִּכְנַס לְבֵית הַמֶּדְרָשׁ לוֹמַר סְלִיחוֹת עִם הַצִּבּוּר. וְאַחַר הַסְּלִיחוֹת נִכְנַס ר' נָתָן אֵצֶל רַבֵּינוּ זַ"ל בְּחַדְרוֹ הַמְיֻחָד לוֹ, וְדִבֵּר הַרְבֵּה עִם ר' נָתָן לְבַדּוֹ וְחִזֵּק אוֹתוֹ עַד מְאֹד. וּבְתוֹךְ דְּבָרָיו אָמַר לוֹ רַבֵּינוּ זַ"ל כָּל הַתּוֹרָה:

"שֶׁעַל יְדֵי שֶׁהָעוֹלָם הֵם מִקְטַנֵּי אֲמָנָה" [בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פו]. וְאָז בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר לוֹ זֹאת רַבֵּינוּ זַ"ל נִבְהַל ר' נָתָן וְעָמַד כְּמִשְׁתּוֹמֵם, וּמַחְשְׁבוֹתָיו הָיוּ תְּמֵהוֹת בְּעִנְיָן זֶה, כִּי נִדְמֶה לוֹ: הֲלֹא יֵשׁ לִי אֱמוּנָה, וְלָמָּה אוֹמֵר לִי רַבֵּינוּ זַ"ל דְּבָרִים אֵלּוּ? וְרַבֵּנוּ זַ"ל תָּפַס תֵּכֶף וּמִיָּד אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ. עָנָה וְאָמַר לוֹ בִּלְשׁוֹן גְּעָרָה קְצָת כְּאוֹמֵר: וְאִם יֵשׁ לְךָ אֱמוּנָה, אֵין לְךָ אֱמוּנָה בְּעַצְמְךָ? (הָאסְט אִין דִיר קַיין אֱמוּנָה נִיט), וְהִזְכִּיר מִיַּד מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה מח:) עַל פָּסוּק (זְכַרְיָה ד, י) "כִּי מִי בַז לְיוֹם קְטַנּוֹת", מִי גָּרַם לַצַּדִּיקִים, שֶׁיִּתְבַּזְבֵּז שֻׁלְחָנָם לֶעָתִיד לָבוֹא? קַטְנוּת שֶׁהָיָה בָּהֶם בְּעַצְמָם, שֶׁלֹּא הֶאֱמִינוּ בָּהֶם בְּעַצְמָם.

[וּכְלָל הַמּוּבָן מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל הָיָה, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ, שֶׁתִּהְיֶה לוֹ אֱמוּנָה בְּעַצְמוֹ, שֶׁגַּם הוּא חָבִיב בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי לְפִי גֹּדֶל טוּבָתוֹ שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גַּם הוּא גָּדוֹל וְחָשׁוּב בְּעֵינָיו יִתְבָּרַךְ].

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: פארוואס לייגן מענטשן נישט קיין תפילין? פארוואס טוען מענטשן נארישקייטן? דאס קומט צוליב דעם וואס זיי האבן נישט קיין אמונה אין זיך, זיי גלייבן נישט אז דער אייבערשטער פריידט זיך מיט זייערע מצוות, מען טראכט: 'וואס איז דען ווערד מיינע מצוות? וואס איז דען ווערד מיין תפילין וכדומה?' דערפאר זאגט דער רבי, דארף מען האבן אמונה אין זיך אליינס, און וויסן אז דער אייבערשטער פריידט זיך זייער מיט יעדע גוטע זאך וואס איך טו.

מענטשן זענען זיך טועה אין דעם, מענטשן מיינען אז טראכטן 'מיינע מצוות זענען גארנישט ווערד וכדומה' - דאס איז ענוה, אבער דאס איז נישט ריכטיג, ווייל דאס איז נישט קיין ענוה, דאס הייסט א חסרון אין אמונה, ווייל א איד דארף גלייבן 'איך בין יא חשוב ביים אייבערשטן'.

ענוה מיינט 'זיך נישט האלטן גרעסער פון א צווייטן'; איך ווייס

מיינע מעלות און חסרונות אבער איך ווייס אויך אז יענער האט אויך זיינע מעלות און חסרונות, קיינער איז נישט גרעסער פונעם אנדערן. אלס קינד האב איך געהאט די קשיא וואס אסאך קינדער האבן, ווי אזוי קען זיין דער צדיק איז א צדיק, ער זיצט דאך אויבן אן וכו׳ קומט דאך אויס אז ער איז דאך א בעל גאוה? אבער באמת איז דאס נישט קיין קשיא, ווייל מען קען זיצן אויבן אן און זיין דער גרעסטער עניו, אזוי עס שטייט ביי משה רבינו (במדבר יב, ג): "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה", משה רבינו איז געווען דער גרעסטער עניו, ווי אזוי האט ער געקענט זיין אן עניו, ער האט דאך איבערגעגעבן די גאנצע תורה פאר די אידן וכו׳, נאר פון דעם זעט מען אז דאס האט נישט צוטון מיט קיין ענוה, מען קען זיצן אויבן אן און לערנען תורה מיט די גאנצע וועלט און זיין דער גרעסטער עניו, וואוסנדיג אז אנדערע האבן אויך מעלות, איך בין נישט גרעסער פון זיי.

## שבת קודש פרשת תרומה, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט לקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן מד.

לשון רבינו זכרונו לברכה: הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם, בִּבְחִינַת: אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי (תהלים פט, ב). הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל־יְדֵי־זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה. וּמֵחֲמַת זֶה צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד מִדִּבּוּרִים שֶׁל כְּפִירָה וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, אַף־עַל־פִּי שֶׁאֵינוֹ אוֹמְרָם מִלִּבּוֹ, הַיְנוּ שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ מַאֲמִין וְאֵינוֹ כּוֹפֵר, חַס וְשָׁלוֹם, רַק שֶׁהוּא חוֹזֵר וְאוֹמֵר דִּבְרֵי אֶפִּיקוֹרְסוּת שֶׁשָּׁמַע בְּשֵׁם אֲחֵרִים, שֶׁהֵם אֶפִּיקוֹרְסִים, וְהוּא מִתְלוֹצֵץ מֵהֶם, אַף־עַל־פִּי־כֵן גַּם מִזֶּה צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד, כִּי הַדִּבּוּר הַזֶּה שֶׁל כְּפִירָה מַזִּיק לָאֱמוּנָה. גַּם הוּא אִסּוּר גָּמוּר, כִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בָּרוּךְ הוּא, אָסוּר לוֹמַר דִּבְרֵי הֲלָצוֹת, אֲפִלּוּ בְּדֶרֶךְ שְׂחוֹק.

וּכְבָר מְבֹאָר בִּסְפָרִים וּבִדְבָרֵינוּ בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת, לְהַרְחִיק עַצְמוֹ מְאֹד מְאֹד לְבִלְתִּי לְעַיֵּן כְּלָל בְּסִפְרֵי הַמְחַקְרִים הַפִּילוֹסוֹפְיָא, וַאֲפִלּוּ מִסְּפָרִים שֶׁל חֲקִירָה שֶׁחִבְּרוּ גְּדוֹלִים מֵאַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, גַּם מֵהֶם צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד, כִּי הֵם מַזִּיקִים מְאֹד לָאֱמוּנָה, כִּי דַּי לָנוּ בֶּאֱמוּנָתֵנוּ שֶׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים. וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל וִיסוֹד וְעִקָּר בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם - לִהְיוֹת תָּם וְיָשָׁר וְכוּ׳, לַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּתְמִימוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל כְּלָל לֹא.

גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד. כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם, שֶׁיֵּשׁ לְהִנְכְּנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים. וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה. כִּי בָּשָׂר־וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא וְכוּ׳ (ע"ז ג.), וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת (קדושין נד.).

וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר (ויקרא יח, ה): וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם, (יומא פה:) כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל, וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה, מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם (וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל):

וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִלּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה׳ בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת. וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת, לִבְלִי לִהְיוֹת חָכָם כְּלָל. כִּי בֶּאֱמֶת אֵין חָכָם בָּעוֹלָם כְּלָל, וְאֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ. וְהָעִקָּר הוּא, כִּי רַחֲמָנָא לִבָּא בָּעֵי (סנהדרין קו: זוהר תצא דף רפא:): עד כאן לשון רבינו זכרונו לברכה.

האט דער ראש ישיבה שליט״א אנגעהויבן, דער רבי זאגט: ״הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם״, ווי מער מען רעדט פון אמונה אלץ מער איז מען זוכה צו דעם, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״, מיט מיין מויל דערצייל איך פונעם אייבערשטן. ״הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה״, אז מען רעדט פון אמונה - דאס אליינס איז אמונה און דאס ברענגט מען זאל האבן אמונה. דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו הערן קיין לצנות אדער נאכזאגן פון אנדערע מענטשן לצנות אויף די אמונה חס ושלום, אפילו מען לאכט דערנאך אפ דערפון, ווייל דאס איז מזיק די ׳אמונה׳ רחמנא לצלן.

און דער רבי האט זייער געווארענט מען זאל נישט לערנען קיין ספרים פון חקירות, אפילו די ספרים וואס גדולי ישראל האבן מחבר געווען, ווייל דער יסוד אין עבודת השם איז דינען דעם אייבערשטן בתמימות אן קיין חכמות און חקירות. ״גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד״, און אויך פון חכמות אין עבודת השם דארף מען זיך זייער

היטן, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", ווייל די אלע חכמות וואס מען האט ווען מען הייבט אן דינען דעם אייבערשטן דאס זענען בכלל נישט קיין חכמות, דאס זענען בלויז דמיונות, שטותים און קאפ דרייענישן. "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דאס מאכט אז דער מענטש זאל אפלאזן זיין עבודת השם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה", דאס וואס מען טראכט צי מען איז יוצא די מצוה וואס מען טוט – צי נישט; מען איז מדקדק און מען האלט אין איין אריין טראכטן: 'אפשר בין איך נישט יוצא, אפשר בין איך יא יוצא', דאס אלעס ברענגט דערצו אז דער מענטש זאל אלעס אפלאזן רחמנא לצלן. "כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", ווייל א מענטש קען נישט יוצא זיין די מצוות פונעם אייבערשטן בשלימות, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא' וְכוּ'", דער אייבערשטער זוכט נישט א וועג ווי אזוי ער קען אונז כאפן און אויפווייזן אז מיר קענען נישט טון די מצוות, ווייל די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", נישט פאר קיין מלאכים.

"וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם', 'וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", די אלע וואס זענען פארנומען מיט חכמות און ספיקות זענען שטענדיג מסופק צי זיי האבן יוצא געווען די מצוה אדער נישט – די האבן נישט קיין שום חיות, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זיי זענען שטענדיג דעפרעסט, זיי לעבן אלץ אין ספיקות און די חומרות ווארפט זיי אריין אין מרה שחורה. רבי נתן זאגט ווייטער: "וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל", דער רבי

האט נישט געהאט קיין שום חומרות; ווייל דער גרעסטער חכמה איז צו דינען דעם אייבערשטן בפשיטות, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִילּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה׳ בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת, לִבְלִי לִהְיוֹת חָכָם כְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת אֵין חָכָם בָּעוֹלָם כְּלָל ׳וְאֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ׳".

## נערוון

דוד המלך זאגט (תהלים יט, ט): "פִּקּוּדֵי ה׳ יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב וגו׳", די מצוות פונעם אייבערשטן מאכט דעם מענטש פרייליך און צופרידן; נאר דאס וואס מען זעט מענטשן וואס זענען מקיים אלע מצוות און דאך זענען זיי נישט פרייליך, זיי זענען אומוטיג וכו׳, דאס קומט צוליב דעם וואס זיי לייגן צו זייטיגע חומרות און דקדוקים אין די מצוות, דאס מאכט זיי שטענדיג טראכטן: ׳אפשר האב איך נאכנישט מקיים געווען די מצוה אזוי ווי עס דארף צו זיין׳ וכו׳ וכו׳, אבער אז מען איז מקיים די מצות לויט ווי אזוי דער אייבערשטער האט עס באפוילן דאן ברענגט דאס א שמחה און א צופרידהייט פאר׳ן מענטש.

דערפאר האב איך אויסגעקליבן צו לערנען היינט אום ׳שבת זכור׳ דייקא דעם סימן אין ליקוטי מוהר"ן, סימן מד, וואס רעדט זיך פון חומרות און נערוון וואס מענטשן האבן אין עבודת השם און דאס שעדליכקייט דערפון, ווייל יעדעס יאר ווען עס קומט שבת זכור זענען דא מענטשן וואס דרייען זיך ארום אנגעצויגן אן א קאפ פיל מיט ספיקות און בלבולים, טראכטנדיג ׳אפשר האב איך נאכנישט יוצא געווען די מצוה פון מחיית עמלק וכו׳", מען ליינט איבער און איבער דעם פסוק (דברים כה, יט): ׳תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם לֹא תִּשְׁכָּח׳, זיכער צו מאכן אז מען האט גענוג קלאר געזאגט דעם ׳זֵכֶר׳ און ׳זֶכֶר׳...

אזוי אויך די מצוה פון ׳קריאת המגילה׳ ווערט זיי א גאנצע נערוון, ׳אפשר האב איך נישט יוצא געווען קריאת המגילה, אפשר האב איך פארפעלט צו הערן א ווארט, א אות וכו׳׳, א גאנצן פורים זענען זיי פארנומען ארומצוגיין צו אלע שולן איבערהערן קריאת המגלה, אין די צייט וואס עס איז נישט דא וואס נישט יוצא צו זיין, וואו קומט דא אריין נערוון?! וואס איז אזוי שווער אריינצוקומען אין בית המדרש אויסהערן ווי מען דערציילט די שיינע מעשה וואס שטייט אין די מגילה, ווי אחשורוש האט גע׳הרג׳ט ושתי און אסתר המלכה איז געווארן קעניגן, מען האט אויפגעהאנגען המן וכו׳?!

אזוי אויך די מצוה פון ׳מתנות לאביונים׳; מענטשן דרייען זיך ארום מיט ספיקות און בלבולים ׳אפשר האב איך נישט יוצא געווען די מצוה פון מתנות לאביונים, אפשר איז יענער נישט קיין ריכטיגער ׳אביון׳ וכו׳...׳ אויף דאס אלעס האט דער רבי געזאגט מען דארף זיך זייער דערווייטערן, די אלע חומרות און ספיקות מאכט אז דער מענטש זאל אינגאנצן אפלאזן זיין עבודת השם. די אנפירער פון א קופת הצדקה אין ארץ ישראל זענען געגאנגען צום גרויסן גאון רבי חיים קנייבסקי שליט״א [ווילנדיג באקומען אן הסכמה אויף זייער קופה אז מען זאל געבן פאר זיי די מתנות לאביונים], האבן זיי אים געפרעגט פאר וועלכע קופה זאל מען געבן צדקה אום פורים מקיים זיין די מצוה פון מתנות לאביונים, האט זיי רבי חיים שליט״א געענטפערט: ״וואס הייסט פאר וועלכע קופה צו געבן מתנות לאביונים? מען גייט אין בית המדרש און דעם ערשטן ארעמאן וואס מען טרעפט געבט מען אים צדקה און מען האט מקיים געווען די מצוה פון מתנות לאביונים!; ער האט אפילו נישט פארשטאנען די שאלה, וואס הייסט פאר וועמען? וואס איז דא איבערצוטראכטן? מען גייט אין שול און מען געבט צדקה פאר דעם ערשטן ארעמאן.

באמת הייבן זיך שוין אן די אלע נערוון און בלבולים נאך אום ׳תענית אסתר׳ פארנאכטס, ווען מען קומט אין שול צו מנחה און מען געבט די ׳מחצית השקל׳, דרייען זיך מענטשן ארום און מאכן גאנצעטע נערוון דערפון, ׳וועלכע ׳לשם יחוד׳ זאגט מען...?׳ - וואס מאכסטו יעצט נערוון?! וואו קומט דא אריין נערוון?!; קענסט רואיג זאגן דעם ׳לשם יחוד׳ וואס מען זאגט איידער מען טוט אן דעם טלית: ״תְּנָצֵל נַפְשִׁי וְרוּחִי וְנִשְׁמָתִי וּתְפִילָּתִי מִן הַחִיצוֹנִים וכו׳״, אדער דעם ׳לשם יחוד׳ וואס מען זאגט איידער מען טוט אן תפילין: ״לְשַׁעְבֵּד בָּזֶה תַּאֲוַת וּמַחְשְׁבוֹת לִבֵּנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ ... שֶׁהַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמֹחִי עִם שְׁאָר חוּשַׁי וְכֹחוֹתַי כֻּלָּם יִהְיוּ מְשֻׁעְבָּדִים לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ״, מיר טוען מצוות כדי צו משעבד זיין אונזער הארץ און מח צום אייבערשטן! און בכלל ווען האסטו לעצטנס געזאגט א ׳לשם יחוד׳ בעפאר א מצוה, די לעצטע מאל וואס דו האסט געזאגט די ׳לשם יחוד׳ בעפאר הנחת תפילין איז געווען ווען דו האסט געלערנט אין ישיבה קטנה... פארוואס א גאנץ יאר איז דיר אלעס מסודר און פונקט ווען עס קומט צו די הייליגע צייטן, די ימים טובים, מאכסטו אלעס פאר נערוון?! אוודאי איז א מורא׳דיגע זאך צו זאגן דעם ׳לשם יחוד׳, אבער דאס טאר נישט צוגיין מיט קיין נערוון.

## פארשטעלאכץ

מיר שטייען יעצט בעפאר די ליכטיגע טעג פון פורים; פורים קומט אראפ א גרויסע ליכטיגקייט אויף די וועלט, יעדער הייבט אן שפירן דעם אייבערשטן, אפילו מענטשן וואס א גאנץ יאר שעמט ער זיך צו רעדן מיט דיר פון רבי׳ן, פונעם אייבערשטן וכו׳, קוים וואס עס פאסט אים דיר צו גריסן, אבער פורים קומט ארויס זיין אמת, ער הייבט אן טאנצן מיט דיר ׳הייליגער באשעפער...׳; ער הייבט אן נאכזאגן דיבורים פון רבי׳ן, ער זינגט: ״אין שום יאוש בעולם כלל...״, ״עס איז דא א רבי אויף דער וועלט...״; און יעדער מאכט שלום איינער מיט׳ן אנדערן, ווייל מען

שפירט דאס ליכטיגקייט פונעם אייבערשטן.

פורים איז דער מנהג אז מען פארשטעלט זיך, צו ווייזן אז די גאנצע וועלט איז נאר א פארשטעלאכץ פונעם אייבערשטן; עס איז גארנישט דא אויף די וועלט אויסער דעם אייבערשטן, אלעס אלעס איז ער אליינס - עצם עצמיות חיות אלקותו יתברך שמו. דאס וואס מיר זעען א שיינע וועלט, איינגעטיילט אין די פיר זאכן: דומם, צומח, חי און מדבר - דאס איז אלעס א לבוש, א פארשטעלאכץ פונעם אייבערשטן; מיט פליישיגע אויגן זעט אויס ווי עס איז דא א וועלט וכו' וכו' אבער דאס איז נאר א דמיון, אלעס איז נאר דער אייבערשטער אליינס; די גאנצע וועלט דריידט זיך איבער צוליב די קאראנע ווירוס, דארף מען געדענקן אז עס איז נישט 'קאראנע', עס איז 'אייבערשטער', דער אייבערשטער איז באהאלטן אין דעם. ווי מער דער מענטש נעמט אריין דעם אייבערשטן אין זיך, ער חזר'ט זיך די פשוט'ע אמונה, האט ער א שיינע און א רואיגע לעבן.

עס קוקט אויס ווי עס איז דא א 'וועלט', ביזנעסער גייען אן, עס זענען דא מענטשן וואס געבן עצות אין רפואה וכו' וכו' דארף מען אבער געדענקן אז באמת איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן, 'געלט' קומט פונעם אייבערשטן, 'רפואה' קומט פונעם אייבערשטן, און אזוי ווייטער אלעס אלעס קומט פונעם אייבערשטן.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: ווער עס וועט שרייען צום אייבערשטן פערציג טעג בעפאר פורים: "הצילני מקליפת המן עמלק וזכני לקדושת מרדכי ואסתר", וועט זוכה זיין שפירן בשעת'ן ליינען די מגילה די ליכטיגקייט פון מרדכי און אסתר. וואס איז 'קליפת המן ועמלק'? זיי ווילן אריינברענגען אינעם מענטש אז די וועלט פירט זיך מיט טבע, מקרה און מזל, אז זאכן געשען פון זיך אליינס, דערפאר דארף מען בעטן דעם אייבערשטן, אפילו אין אידיש אדער אין אנדערע

שפראכן מיט וואס מען איז צוגעוואוינט צו רעדן: "הייליגער באשעפער איך וויל זיין אן ערליכער איד", "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל גלייבן אין דיר מיט א שטארקע אמונה, איך זאל גלייבן אז דו פירסט אלעס און עס איז גארנישט דא אויסער דיר". דאס דארף מען נישט נאר בעטן די פערציג טעג בעפאר פורים, נאר דאס דארף מען בעטן א גאנץ יאר, יעדן טאג דארף מען דאס בעטן פונעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו א קלארע און שטארקע אמונה צו וויסן און גלייבן אז די גאנצע וועלט איז נאר א פארשטעלאכץ און אלעס איז דער אייבערשטער.

## מיר איז גענוג די אנדערע אשרי

מען דארף נישט זוכן קיין הויכע מדריגות, דער רבי האט אונז געלערנט תמימות ופשיטות אן קיין חכמות; מען זאגט מוצאי שבת ביי די זמירות: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁרָאָה פָּנָיו בַּחֲלוֹם. אַשְׁרֵי מִי שֶׁנָּתַן לוֹ שָׁלוֹם וְהֶחֱזִיר לוֹ שָׁלוֹם", וואויל איז דעם מענטש וואס האט שוין געזען אליהו הנביא אין חלום, האט מען אמאל געפרעגט פונעם הייליגן שפת אמת זכותו יגן עלינו צי ער האט שוין זוכה געווען צו זען אליהו הנביא, האט ער געענטפערט: מיר איז גענוג אז איך האב זוכה געווען צו די אנדערע 'אשרי' (תהלים א, א): "אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וגו'", וואויל איז דעם מענטש וואס גייט נישט מיט רשעים; מען דארף נישט זוכן קיין הויכע מדריגות און השגות, נאר פשוט וועלן טון דעם רצון פונעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.